**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/21/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט געשלאסענע קאנטראקטן פאר 26 גרויסארטיגע טרוקעניש-באזירטע באנייבארע ענערגיע פראיעקטן**

***פראיעקטן צו אהערשטעלן מער פון 2.5 גיגאַוואַטס פון לאקאל-פראדוצירטע ריינע ענערגיע און אויפטרייבן מער פון 6 ביליאן דאלאר אין פריוואטע אינוועסטירונג***

***ווידערהאלט די סטעיט'ס פארפליכטונג צו גערעכטע אנטוויקלונג פון ריינע ענערגיע, גריד שטאנדהאפטיגקייט און עקאנאמישע אנטוויקלונג***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט אז קאנטראקטן זענען געשלאסן געווארן פאר 26 גרויסארטיגע טרוקעניש-באזירטע באנייבארע ענערגיע פראיעקטן וועלכע וועלן אהערשטעלן – איינמאל זיי וועלן זיין פארענדיגט – מער פון 2.5 גיגאַוואַטס פון ריינע ענערגיע, גענוג צו צושטעלן עלעקטריציטעט פאר מער פון 670,000 היימער אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט. די פראיעקטן זענען ערווארטעט צו שאפן מער פון 1,900 דזשאבס פון וועלכע מענטשן וועלן קענען אויסהאלטן זייערע פאמיליעס אין די נאענטע טערמין, און זיי וועלן אויפטרייבן מער פון 6 ביליאן דאלאר אין פריוואטע אינוועסטירונג, בשעת'ן ווידערהאלן די סטעיט'ס פארפליכטונג צו די אנטוויקלונג פון לאקאל-פראדוצירטע ריינע ענערגיע, גריד שטאנדהאפטיגקייט און עקאנאמישע אנטוויקלונג.

"ניו יארק טוט שאפן געלעגנהייטן פאר פירמעס צו קאנקורירן אין די ריינע ענערגיע אינדוסטריע, און מיר וואלטן דאס נישט געקענט טוהן אן די מיטגעטיילטע פארפליכטונג פון אונזערע פריוואטע שותפים", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די פארשריט פון באנייבארע ענערגיע איז טייל פון די יסוד פון ניו יארק'ס פלאן צו אריבערגיין צו אן עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט סיסטעם און פארזעצן אונזער גרינע עקאנאמיע'ס שוואונג אויף פאראויס."

די געשלאסענע קאנטראקטן זענען די רעזולטאט פון די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט'ס ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) איינלאדענונג פאר פירמעס צו אריינגעבן פארשלאגן פאר 'טיער 1' באנייבארע ענערגיע סטאנדארט (Tier 1 Renewable Energy Standard) פראיעקטן אין 2024. איינמאל זיי וועלן זיין אויפגעבויט, וועלן די פראיעקטן פראדוצירן אומגעפער 5,000 גיגאַוואַט-שעה יערליך — א מאס עלעקטריציטעט וואס איז גענוג פאר מער פון 670,000 היימער; ברענגען בענעפיטן פאר די געזונטהייט פון די פובליקום דורך ווייניגער אויסשטעלונג צו שעדליכע לופט פארפעסטיגונג; און זיי וועלן ברענגען מער פון 300 מיליאן דאלאר אין צוגעזאגטע געלטער פאר [שוואכערע קאמיוניטיס](), לויט די קריטעריאנען אוועקגעשטעלט דורך די קלימאט גערעכטיגקייט ארבעטס גרופע (Climate Justice Working Group), קומענדיג פון באצאלונגען געמאכט אויף די לאנגע טערמין צו 'קאמיוניטי בענעפיט פאָנדס'.

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט פרעזידענט און CEO, Doreen M. Harris (דאָרין מ. העריס), האט געזאגט,** "אזוי ווי ניו יארק גייט אריבער צו א אן עקאנאמיע פון ריינע ענערגיע, פייערן מיר די 26 פראיעקטן און די באדייטנדע מאסן ענערגיע וואס זיי וועלן אויפטרייבן.

ניו יארק בלייבט ווייטער אן ערפינדעריין ווען עס קומט צו אונטערשטיצן רײנע ענערגיע פראיעקטן, פאראויס שטופן רײנע ענערגיע דזשאבס און אויפטרייבן עקאנאמישע אנטוויקלונג געלעגנהייטן פאר ביזנעסער און אונזערע לאקאלע קאמיוניטיס אריבער אונזער גאנצע סטעיט."

פראיעקטן אונטער קאנטראקט רעכענען אריין:

**הויפטשטאט ראיאן**

- Dolan Solar, וואשינגטאן קאונטי
- Hawthorn Solar, רענעסעלעיר קאונטי
- Somers Solar, וואשינגטאן קאונטי
- Shepherd's Run Solar Project, קאלאמביע קאונטי

**צענטראל ניו יארק**

- Agricola Wind, קאַיוּגע קאונטי
- Homer Solar Energy Center, קאָרטלאנד קאונטי

**פינגער לעיקס**

- Highbanks Solar, ליווינגסטאן קאונטי
- Horseshoe Solar Energy Center, ליווינגסטאן און מאנראו קאונטיס
- Valcour Bliss Windpark, ווייאָומינג קאונטי

**מאוהאק וואלי**

- Dolgeville Hydro, הערקימער קאונטי
- Flat Creek Solar, מאַנטגאָמרי קאונטי
- Mill Point Solar I, מאַנטגאָמרי קאונטי
- Skyline Solar, אניידע קאונטי

**צפון קאנטרי**

- ELP Ticonderoga Solar, עסעקס קאונטי
- Fort Covington Solar Farm, פרענקלין קאונטי
- Lyons Falls Mill Repower, לואיס קאונטי
- Tracy Solar Energy Center, דזשעפערסאן קאונטי
- Two Rivers Solar Farm, סעינט לאורענס קאונטי
- Valcour Altona Windpark, קלינטאן קאונטי
- Valcour Clinton Windpark, קלינטאן קאונטי

**דרום טייל ראיאן**

- High Bridge Wind, שענענגאָו קאונטי
- Prattsburgh Wind Farm, סטיובען קאונטי
- Yellow Barn Solar, טאמפקינס קאונטי

**מערב ניו יארק**

- Moraine Solar Energy Center, אלעגאני קאונטי
- South Ripley Solar, שעטאַקווע קאונטי
- York Run Solar, שעטאַקווע קאונטי

די באצאלונגען אונטער די קאנטראקטירטע פראיעקטן וועלן זיך נאר אנפאנגען איינמאל די פראיעקטן זענען געבויט און פאנגען אן צושטעלן באנייבארע ענערגיע פאר ניו יארק נאכן באקומען אלע פארלאנגטע פערמיטס און באשטעטיגונגען. עטליכע פראיעקטן האבן שוין אנגעהויבן קאנסטרוקציע אקטיוויטעטן. אלע פראיעקטן זענען ערווארטעט צו זיין אין אפעראציע ביז 2029.

אין צוגאב, וועט די סטעיט פארזעצן צו לייגן א דגש אויף דאס ארבעטן צו אריינברענגען די קאמיוניטיס ארום די פראיעקטן צו זיין א טייל פון די פראצעדור. NYSERDA אפפערטט הילפס-מיטלען און אומזיסטע טעכנישע הילף צו העלפן לאקאלע רעגירונגען פארשטיין וויאזוי צו פאראנטווארטליכערהייט זיך באגיין מיט ריינע ענערגיע דעוועלאפמענט אין זייערע קאמיוניטיס, אריינרעכענענדיג דעטאלירטע אנווייזונגען און כלים צו לערנען וויאזוי צו קאארדינירן נייע ריינע ענערגיע פראיעקטן, פערמיט פראצעדורן, פראפערטי טעקסעס, לאקאציע אויסוואהל, זאָונינג פאליסיס און [מער](#).

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פובליק סערוויס (Department of Public Service) CEO, Rory M. Christian (ראָרי מ. קריסטשיען), האט געזאגט,** "מיר אפלאדירן גאווערנער Hochul (האקול)'ס איבערגעגעבנקייט צו רוקן ניו יארק סטעיט אין ריכטונג פון א ריינע ענערגיע עקאנאמיע. די פראיעקטן וואס ווערן היינט אנאנסירט וועלן פירן צו די שאפונג פון ריינע ענערגיע דזשאבס און אזוי אויך וועלן זיי מוטיגן עקאנאמישע אנטוויקלונג געלעגנהייטן אין ניו יארק סטעיט."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation) צייטווייליגע קאמישאנער, Amanda Lefton (אמענדע לעפטאן), האט געזאגט,** "די גרויסארטיגע באנייבארע ענערגיע פראיעקטן ווייזן ארויס וויאזוי ריינע ענערגיע און דאס שאפן נייע דזשאבס גייען האנט-ביי-האנט ביים בויען געזונטערע קאמיוניטיס און שטערקערע עקאנאמיעס. מער פון צוואנציג פראיעקטן אונטער קאנטראקטן דורך NYSERDA וועלן אויפטרייבן באנייבארע עלעקטריציטעט און פריוואטע אינוועסטירונג וואס וועט העלפן פארזעצן די באדייטנדע פארשריט וואס איז אונטערוועגנס צו רעדוצירן פארפעסטיגנדע עלעקטריציטעט קוועלער."

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט (Department of Labor) קאמישאנער, Roberta Reardon (ראבערטא ריערדאן), האט געזאגט,** "איך באדאנק גאווערנער Hochul (האקול) פארן היטן אויף אונזער סטעיט'ס פירערשאפט אין די ריינע ענערגיע סעקטאר און פארן פארזעצן צו שאפן געלעגנהייטן פאר גוטע קאריערעס פאר ניו יארקער אריבער די סטעיט. די אינוועסטירונגען וועלן פארזעצן צו בויען א מער ענערגיע-שפארזאמע און ענווייראמענטאל-פריינטליכע צוקונפט פאר ניו יארק סטעיט."

**סטעיט סענאטאר Kevin Parker (קעווין פארקער) האט געזאגט,** "אלס פארזיצער פון די סענאט ענערגיע און טעלע-קאמיוניקאציעס קאמיטע (Energy and Telecommunications Committee), בין איך שטאלץ צו ארבעטן זייט ביי זייט מיט NYSERDA, א קריטישע שותף ביים פאראויס שטופן ניו יארק'ס ריינע ענערגיע צוקונפט. זייער פארגעזעצטע פירערשאפט ביים צושטעלן פינאנצירונג גרענטס און נייע סארטן פראגראמען איז גאר וויכטיג כדי צו קענען נאכקומען די ציהלן פון דעם קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ (Climate Leadership and Community Protection Act, CLCPA). צוזאמען, טוהען מיר נישט נאר פארשטערקערן די סטעיט'ס עלעקטריציטעט גריד מיט באנייבארע ענערגיע, נאר מיר טוהען אויך זיכער מאכן אז שוואכערע קאמיוניטיס באקומען א טייל פון די עקאנאמישע און ענווייראמענטאלע בענעפיטן פון די אריבערגאנג."

**New York State AFL-CIO פרעזידענט, Mario Cilento (מאריאָו סילענטאָו), האט געזאגט,** "מיינע גראטולירנדע וואונטשן פאר גאווערנער Hochul (האקול) און NYSERDA פאר נאך א גרויסארטיגע דערגרייכונג אין ריכטונג פון עררייכן ניו יארק'ס באנייבארע ענערגיע ציהלן בשעת'ן זיך האלטן צו שטארקע סטאנדארטן פאר ארבייטער רעכטן און שוץ מאסנאמען און פּאליסיס צו קויפן אמעריקאנע (Buy American) פראדוקטן. דאס וועט שאפן גוטע יוניאן דזשאבס בשעת'ן אויפבויען די סטעיט'ס ריינע ענערגיע פראגראם."

**New York State Building Trades פרעזידענט, Gary LaBarbera (גערי לאבאַרבערא), האט געזאגט,** "באנייבארע ענערגיע פראיעקטן זענען פאר צו ברענגען גרויסע געלעגנהייטן פאר ניו יארק נישט נאר צו עררייכן די ציהלן וואס זענען אוועקגעשטעלט געווארן אין די CLCPA נאר אויך צו שאפן טויזנטע יוניאן קאריערעס וואס ערמעגליכן מענטשן צו אויסהאלטן זייערע פאמיליעס און גיבן אן עקאנאמישע שטופ וואס וועט אויפלעבן אונזערע קאמיוניטיס און די מיטעלע קלאס. די שליסונג פון די קאנטראקטן שפיגלען אפּ א באדייטנדע דערגרייכונג אויפן וועג צו רייסן די פרוכט פון די ריינע ענערגיע אינציאטיוון. מיר באדאנקען גאווערנער Hochul (האקול) און NYSERDA פאר זייער פארגעזעצטע פארפליכטונג צו פאראויס שטופן די אנטוויקלונג פון גרינע אינפראסטרוקטור אין ניו יארק."

**Alliance for Clean Energy New York עקזעקיוטיוו דירעקטארין, Marguerite Wells (מארגעריט וועלס), האט געזאגט,** "די בענעפיטן פון לאקאל-פראדוצירטע באנייבארע ענערגיע זענען ריזיג און ווייט-גרייכנד. מיר באדאנקען גאווערנער Hochul (האקול) פארן פארזעצן צו פירן די סטעיט אריבער אונזער אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע, וואס וועט נישט נאר בענעפיטירן די ניו יארקער פון היינט נאר אויך די פון די קומענדיגע דורות. די היינטיגע אנאנסירונג ווייזט אז עס איז דא א פארגעזעצטע ענטוזיאזם פון פריוואטע דעוועלאפּערס צו אינוועסטירן אין ניו יארק, און ניו יארק בלייבט גרייט זיי צו אויפנעמען."

**New York League of Conservation Voters פרעזידענט, Julie Tighe (דזשולי טייה), האט געזאגט,** "קלימאט טויש .געשעהט יעצט, און די ווירקונגען דערפון וועלן נאר ערגער ווערן אויב מיר גייען נישט אוועק פון נוצן פאַסיל ברענשטאף און ברענגען רעזולטאטן פאר אונזער צוקונפט פון ריינע ענערגיע. די היינטיגע אנאנסירונג איבער נייע טרוקעניש-באזירטע ענערגיע פראיעקטן וועלן מיינען וויניגער קלימאט-שעדיגנדע גאז עמיסיעס, בעסערע לופט קוואליטעט און גוטע יוניאן דזשאבס פאר ניו יארקער. מיר באדאנקען גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר ענוויירנמענטאלע פירערשאפט, און מיר גראטולירן NYSERDA אויף די פארשריט אין ריכטונג פון נאכקומען אונזערע ריינע ענערגיע ציהלן."

**Natural Resources Defense Council מענעדזשינג דירעקטארין פאר עלעקטריציטעט סעקטאר, Kit Kennedy (קיט קענעדי), האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט'ס פירערשאפט אויף ריינע ענערגיע איז מער וויכטיג יעצט פון סיי ווען בעפאר, קוקנדיג אויף די פעדעראלע רעגירונג'ס באמיאונגען צו מבטל זיין פריערדיגע פארשריט. די ריינע ענערגיע פראיעקטן וואס זענען היינט אנאנסירט געווארן דורך גאווערנער Hochul (האקול) מיינען מער דזשאבס, מער. עקאנאמישע אנטוויקלונג פאר קאמיוניטיס, וויניגער געזונטהייט-שעדיגנדע לופט פארפעסטיגונג און נידעריגערע עלעקטריציטעט סיסטעם קאסטן. דאס איז וואס פירערשאפט מיינט. לאמיר פארזעצן מיט אזעלכע פראיעקטן!"

**Citizens Campaign for the Environment (CCE) עקזעקיוטיוו דירעקטארין, Adrienne Esposito (עידריען עספּאסיטאָו), האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט ביז גאר אז ניו יארק טוט אונטערנעמען נאך א באדייטנדע טריט פאראויס אין אונזער סטעיט'ס אנגייענדע אריבערגאנג צו א צוקונפט פון ריינע ענערגיע. אזוי ווי די נאציאנאלע שוואונג ארום באנייבארע ענערגיע און קלימאט שריט ווערט פארשטילט, איז דאס וויכטיגער פון סיי ווען בעפאר פאר סטעיטס ווי ניו יארק צו ווייזן די וועג פאראויס. פירערשאפט מאכט אויס, און מיר דארפן אז ניו יארק זאל ווייטער גיין אויף איר וועג פון אויספירן אן ענערגיע אינפראסטרוקטור פלאן פאר די 21'סטע יאר הונדערט מיט וועלכע מיר קענען

שטאלצירן! די פראיעקטן וועלן אהערשטעלן פארלעסליכע, לאקאל-פראדוצירטע ריינע ענערגיע פאר מיליאנען ניו יארקער, העלפנדיג נאכקומען די סטעיט'ס אמביציעזע באנייבארע ענערגיע ציהלן בשעת'ן באקעמפן קלימאט טויש, שאפן דזשאבס, פארשטערקערן אונזער עקאנאמיע און פארשטערקערן לאנג-טערמיניגע ענערגיע זיכערהייט. די CCE לויבט אויס גאווערנער Hochul (האקול) און NYSERDA פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו פאראויס שטופן קריטישע באנייבארע ענערגיע פראיעקטן וועלכע בענעפיטירן אונזער סביבה און אונזערע קאמיוניטיס."

**Advanced Energy United New York פאליסי פירערין, Kristina Persaud (קריסטינע פערסאוד), האט געזאגט,** "דאס איז א באגייסטערנדע דערגרייכונג פאר ניו יארק'ס ריינע ענערגיע צוקונפט. די גרויסארטיגע באנייבארע ענערגיע פראיעקטן וועלן ברענגען עכטע עקאנאמישע בענעפיטן פאר קאמיוניטיס אריבער די סטעיט. די פראיעקטן וועלן נישט נאר אהערשטעלן ריינע עלעקטריציטעט, נאר אויך דזשאבס פון א הויכע קוואליטעט פאר ניו יארקער. אין דעם זעלבן צייט, פארשטערקערן זיי ניו יארק'ס פירערשאפט אין די שנעל-וואקסנדע ריינע ענערגיע סעקטאר, אוועקשטעלנדיג די סטעיט אין א פאזיציע צו קענען קאנקורירן אין א גלאבאלע מארקעט און געניסן פון די לאנג-טערמיניגע עקאנאמישע בענעפיטן פון א מאדערנע ענערגיע עקאנאמיע."

די פראיעקטן וועלן צולייגן צו ניו יארק'ס שטארקע רייע פון גרויסארטיגע באנייבארע ענערגיע פראיעקטן, וואס באשטייען יעצט פון נאענט צו 100 סאלאר, טרוקעניש-באזירטע ווינט, הײדראָו-עלעקטריציטעט און ים ווינט ענערגיע פראיעקטן וואס זענען יעצט אין אפעראציע אדער אין אנטוויקלונג, ערווארטעט צו ארויפברענגען אומגעפער 10 גיגאַוואַטס פון ריינע עלעקטריציטעט אויפן גריד — גענוג צו צושטעלן עלעקטריציטעט פאר מער פון 3.3 מיליאן ניו יארקע היימער. ארויס פון די נאענט צו 100 פראיעקטן, זענען מער פון איין גיגאַוואַט פון קאפאציטעט אונטער קאנסטרוקציע, וואס איינמאל זיי וועלן זיין פארענדיגט וועלן זיי צולייגן צו די 31 פראיעקטן וואס זענען שוין אין אפעראציע און וואס ברענגען שוין יעצט ארויף 1.4 גיגאַוואַטס פון ריינע ענערגיע אויפן גריד — יעצט צושטעלנדיג עלעקטריציטעט פאר נאענט צו א האלב מיליאן ניו יארקע היימער.

**ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע**

ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע רופט פאר א אן אפּאָרדעבעל און יושר'דיגע אריבערגאנג צו אן עקאנאמיע פון ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט דזשאבס פון וועלכע עס איז מעגליך צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס שטופט פאר עקאנאמישע וואוקס דורך גרינע אינוועסטירונגען און פארזיכערט אז א מינימום פון 35 פראצענט פון די בענעפיטן קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ניו יארק רוקט זיך פאראויס מיט א רייע באמיאונגען צו ערגרייכן אן עמיסיעס-פרייע עקאנאמיע ביז 2050, אריינרעכענענדיג אין די ענערגיע, געביידעס, טראנספארטאציע און מיסט סעקטארן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן